# רוח הקודש הופיע בבית מדרש"ן

**פארגאנגענער זונטאג פרשת במדבר, כ"ח אייר תשע"ב לפ"ק, וועט בלי שום ספק פארבלייבן פארצייכנט אין די היסטאריע פון דאס יהדות החרדית אין אמעריקע אלס א היסטארישער טאג.**

בו ביום ווען עס זענען זיך צונויפגעקומען פילע רבבות אלפי ישראל, צענדליגער טויזענטער פרומע אידן שומרי תורה ומצוות - און דאס מאל איז דער אויסדרוק 'פילע רבבות' טאקע נישט קיין גוזמא - לפונדק אחד מיט איין ציהל צו נתעורר ווערן, צו מחוזק ווערן, צו שטעלן גדרים וסייגים, קעגן די שרעקליכע מגיפה פון טעכנעלאגיע, וואס דאס איז ליידער אין א בחינה פון 'אנדרלמוסיא באה לעולם והורגת טובים ורעים'.

## דער גרויסער תועלת פונעם 'כינוס כלל ישראל'

ביים 'כינוס כלל ישראל' זענען געזעסן אידן פון מערערע שיכטן און קרייזן פון כלל ישראל. אנגעהויבן ביי גאר חסיד'ישע אידן פון וויליאמסבורג, זענען געזעסן האנט ביי האנט מיט ליטווישע בני תורה, הארט דערנעבן מאדערנע בעלי בתים פון די פייוו טאונס געגענטער, וואס כאטש דער מהלך החיים און די רוחניות'דיגע השקפה איבער אלע עניני היהדות איז ווייט איינער פון צווייטן, גאר ווייט, כאטש די סטאנדארטן אין די שטובער, דער חינוך, די שיטות און שטרעמונגען זענען זייער ווייט לא ראי זה כראי זה. האט זיך אבער ארויסגעשטעלט אז הצד השוה שבהם אז זיי ווילן אלע האבן ערליכע דורות, זיי ווילן אלע ממשיך זיין דרך ישראל סבא, זיי ווילן זיך באשיצן פון די ביטערע אטאקעס וואס די כלי משחיתים אטאקירן אונז במחנינו פנימה. און זייענדיג סרים למשמעתם פון די גדולי וצדיקי הדור שליט"א וואס האבן גערופן צום כינוס, זענען זיי געקומען בהמוניהם, און במשך די לאנגע שעות זענען זיי געזעסן און אויסגעהערט די דרשות - יעדער איינער לכל הפחות די דרשות וואס ער האט פארשטאנען - און מ'איז אהיימגעגאנגען פול מיט התעוררות און התחזקות און קבלות טובות.

אזא 'כינוס' איז זייער א היסטארישער מאמענט, וואס עס האט בדרך אגב אויך ארויסגעברענגט אויפן אויבערפלאך אז דאס יהדות החרדית אין אמעריקע ציילט היינט א געוואלדיגער גרויסער מספר פון ערליכע אידן שומרי תורה ומצוות וואס האבן שאיפות צו זיין גוט און ערליך, און זיי זענען גרייט צו אפפערן פון זיך, צו קענען שטעלן גדרים וסייגים על בנינו ועל דורותינו.

**באמת, דער תועלת פונעם כינוס איז שוין מערקבאר געווען עטליכע וואכן פריער, שוין ווי נאר דער טומל, דער רעש, די פראפעגאנדעס זענען אריין אין שוואונג, איז דער 'כינוס' געווען דער געשפרעך פון טאג איבעראל, און עס האט אומעטום געשלאגן ווארצלען. נאר וואכן פארן כינוס האבן אידן 'געכאפט דעם מעסעדזש' און האבן ארויפגעשטעלט פילטערס אויף זייערע כלים, און גודר געווען גדרים וסייגים.** אזוי אז עס איז נישטא וואס צו דן זיין אין דעם ענין אז דער כינוס האט גורם געווען א שטארקער חיזוק פאר די גאנצע פרשה פון 'קדושים תהיו', עס האט אויפגעשאקלט דאס יהדות החרדית אינעם געביט פון טעכנעלאגיע, און בע"ה וועט זי האבן ווייטערע נאכפאלגן מיט פיל הצלחה.

דער איינציגסטער ווארימער וואונטש פון דאס יהדות החרדית אין די טעג איז "יהי רצון שתשרה שכינה במעשי ידיכם", דער אייבערשטער זאל העלפן אז פון דעם כינוס זאל ארויסקומען דער תכלית הנרצה, און עס זאל אויפגעטון ווערן גדולות ונצורות לומר למלאך המשחית הרף.

## א שטורעמישע אפוועזנהייט...

אין דעם היסטארישן טאג האט שטארק בולט געווען נאך א שטארקער היסטארישער פונקט.

**עס האט בולט געווען די שטארקע אפעציעלע אפוועזנהייט פון אלפי תלמידי וחסידי סאטמאר, וואס האבן זיך דוקא נישט באטייליגט אינעם דעם געהויבענעם כינוס רבתי.**

זעלטן ווען א שטילע 'אפוועזנהייט' זאל מאכן אזא טומל, א בלויזע 'שב ואל תעשה' זאל אפקלונגען נישט ווייניגער ווי א הילכיגע 'קום ועשה', אבער דאס איז געווען דער מציאות, ווען אין די טעג ארום דעם כינוס איז דער פאקטישער אפוועזנהייט פון סאטמארע חסידים געווען דער געשפרעך פון טאג איבעראל, וואו מ'איז געגאנגען און געשטאנען איז דאס געווען א צענטראלער און וויכטיגער פונקט וואס איז געשמועסט און דעבאטירט געווארן.

געוועגליך ווען מ'הערט אז עמיצער טוט באיקאטירן א געוויסע פארזאמלונג פארשטייט זיך דאס אז דער באטרעפענדער איז נישט מסכים מיט דעם ציהל פונעם פארזאמלונג. צוליב די זעלבע סיבה פארוואס דער איבערוויגענדער מערהייט פון די באטייליגטע ביים כינוס אין שפיץ פון זייערע רבנים און ראשי ישיבה שליט"א האבן נאך ביז היינט נישט אנטייל גענומען אין די מערכות ישראל קעגן די מדינה הציונית וכדומה וואס סאטמאר האט פאררופן. און אזוי ווי סאטמארע חסידים האבן נאך נישט אנטייל גענומען אין די 'אגודה קאנווענשאן' אדער גאר דער היסטארישער 'סיום דף היומי', גענוי אזוי וואלט זיך פארשטאנען איז דא אין אונזער פאל, אז דאס איז די מאטיוון פארוואס סאטמאר וויל דארט נישט אנטייל נעמען.

אבער ניין.

ווער עס ווייסט וויפיל דער זעלבער ציבור תלמידי וחסידי סאטמאר האט שוין עוסק געווען די לעצטע איבער צען יאר אין די נושא פון די מלחמה קעגן טעכנעלאגיע. וויפיל דרשות התעוררות, וויפיל תקנות חמורות, וויפיל פעולות נשגבות איז שוין דער ציבור נגדר געווארן במשך די לעצטע יארן איבער אלעם וואס איז נוגע די כלים. וויפיל טעג, וואכן, און חדשים עס זענען שוין אוועק געגעבן געווארן צו העלפן ראטעווען דעם ציבור און זיי שטעלן אינעם קאמף קעגן די אלע כלי משחיתים, דער ווייסט אז דער ציבור איז אינגאנצן דערפאר פאר אלעס וואס אזא כינוס שטעלט מיט זיך פאר. און נישט נאר אז זיי וואלטן זיך גערדארפט באטייליגן, נאר אדרבא, זיי וואלטן גערדארפט זיין די סאמע ערשטע ביי אזא כינוס, זיי וואלטן גערדארפט זיין די 'חלוצים היוצאים ראשונה למלחמה', בפרט ווען זיי ברענגען שוין מיט זיך מיט א טוץ מיט ערפארונג אין די מלחמה, וואס וואלט געקענט ארויסהעלפן נישט ווייניג ווי אזוי צו שליסן די החלטות פון דעם גרויסן כינוס לשם שמים.

אט די שטילע אפוועזנהייט האט געשריגן אזש צום טויב ווערן... עס האט איבעראל געשריגן די פראגע "וואו זענען זיי?! פארוואס זענען די סאטמארע חסידים נישט געקומען צו אזא כינוס, ווען במציאות זענען זיי אינגאנצן פאראייניגט מיט די ציהלן דערפון?!".

און דאס איז געווען זייער אן היסטארישער פונקט וואס האט באגלייט דעם כינוס, סיי ווער עס האט זיך דארט יא באטייליגט און סיי ווער נישט.

דאס איז זייער א טייערע און וויכטיגער פונקט וואס פאר סאטמארע חסידים טראגט דאס זייער א וויכטיגער מעסעדזש וואס דארף אין די טעג שטארק איבערגע'חזר'ט ווערן.

## ורגלי מוליכות אותי לבית המדרש

מבית מדרשו של רבי למדנו...

**פארגאנגענעם דאנערשטאג אינדערפרי - גאר א קורצע צייט פארן כינוס - האט כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א משמיע געווען א קורצן פסק דין מיט גאר געמאסטענע ווערטער: "ורגלי מוליכות אותי לבית המדרש, ווער עס האט איבערגעטרעטן דעם שוועל בבית מדרשו פונעם פעטער ז"ל פארשטייט דעת קדשו, א היימישער אינגערמאן איז זיין פלאץ נישט דארט".**

די ווערטער האבן זיך בליץ שנעל צוטראגן איבעראל איבער די וועלט, און דער מעסעדזש איז ארויס זייער קלאר אז "א סאטמארער חסיד האט נישט וואס צו זוכן ביי אזא מקום".

אבער דא האט זיך אנגעזעהן זייער א מערקווירדיגע נקודה.

בו בזמן וואס דער עלטערער דור סאטמארע חסידים האט דאס אנגענומען בתכלית הפשטות, ווי א דבר המובן מאליו, זיי האבן נישט געזעהן דערין קיין שום חידוש, זיי האבן אלע זעלבסט-פארשטענדליך דאס פארשטאנען מעיקרא אז קיינמאל, קיינמאל בימי מרן רביה"ק זי"ע וואלט 'סאטמאר' זיך נישט באטייליגט ביי אזא סארט 'כינוס', און מ'וואלט דאס אפילו נישט גערדארפט זאגן, האט אבער דער אינגערער דור געעפענט מויל און אויגן, זיי האבן נישט געקענט פארשטיין פארוואס? פארוואס זאלן מיר זיך צוריק האלטן פון צו זיין א טייל פון אזא כינוס לשם שמים?! פון אזא געהויבענעם מאמענט, פון אזא כנסיה וואס וועט זיכער אויפטון גדולות ונצורות פאר די קומענדיגע דורות?!

**מאת ה' היתה זאת, אט דער היסטארישער טאג א' במדבר העעל"ט, דאס האט געגעבן א גינסטיגע געלעגנהייט פארן עלטערן דור סאטמארע חסידים, אז זיי זאלן זיך אוועק זעצן מיט זייערע קינדער און אייניקלעך, און לערנען, רעדן און דערציילן א קאפיטל בתורתו ומשנתו של רבינו הקדוש זי"ע.**

פארגאנגענעם שב"ק ערב דעם גרויסן כינוס האבן פילע הונדערטער בחורי חמד און אברכים געהאט א געלעגנהייט צו הערן פון זייערע טאטעס און זיידעס רעדן און דערציילן איבער די יסודות פון די סאטמארע שיטה ווען עס קומט צו אזעלכע ענינים, טאקע זייער הייקעלע און סענסיטיווע ענינים, וואס איז ביז היינט ווייניג אויסגעקומען קיין געלעגנהייט דאס אויסצושמועסן, און עס זענען נתבהר געווארן די שטארקע יסודות איתנים אויף וועלכע יסודות מיר זענען געבויעט געווארן.

און אט דאס קאפיטל איז כדאי זאל פארצייכנט ווערן בקוצר אמרים.

## דער מציאות פון
## 'סאטמאר' אין 'אמעריקע'

אבער צו דעם דארפן מיר צוריק מישן א בלעטל, צו דעם מציאות העולם וואס איז געווען אין יענע יארן, די א.ג. 'בראשית יארן', די סאמע

ערשטע תקופה וואס רביה"ק זי"ע האט אנגעהויבן צו בויען אידישקייט אין אמעריקע.

ווער עס האט איבערגעטרעטן דעם שוועל... ווער עס האט זיך געדרייט ביים פעטער זכרונו לברכה אין בית המדרש... ווער עס האט געהערט די פייערדיגע שלש סעודות תורות... די פייערדיגע דרשות..."

ווען דאס יהדות החרדית, שארית הפליטה, האט זיך אנגעהויבן איבערצוקלייבן קיין אמעריקע, עס זענען אנגעקומען טויזנטער אידן אודים מוצלים מאש, צובראכענע נפשות, אויסגעלאשענע נשמות, צוטרייסעלטע גופים, וואס האבן געהאפט אז יעצט וועלן זיי קענען אנהייבן א ניי קאפיטל אין לעבן על אדמת אמעריקע, אין די טריפה'נע אמעריקע, האט דער צדיק וקדוש עליון, רבינו הק' מסאטמאר זי"ע אנגעהויבן צו לייגן אן אבן הפינה אז עס זאל קענען זיי א מציאות פאר ערליכע פשרה'לאזע אידישקייט אין אמעריקע.

דער צדיק ומנהיג הדור, עיני העדה, דער צדיק מיט זיינע לעכטיגע ווייט-זעהנדיגע אויגן האט געקוקט זייער ווייט, ער האט געקוקט אויפן עבר וואס איז ליידער דורכגעפאלן, ער האט אפגעלערנט די גדולים וואס האבן פרובירט צו ארבעטן אין אמעריקע און זיי זענען דורכגעפאלן, ער האט אפגעלערנט זייערע טעותים, און דאן האט ער אנגעהויבן זיין ארבעט מיט זיין בליק אויפן עתיד.

דער רבי האט זייער גוט געוואוסט אז זיין וועג איז נישט סוגה בשושנים, ער האט זייער גוט געזעהן און פארשטאנען אין וואס ער גייט אריין. אבער מיט א שטארקייט, מיט א זיכערקייט איז ער אריינגעשפרונגען אין די עבודת הקודש.

דער רבי האט זיין מהלך נישט באהאלטן, אין די 'דינער תורות' איז געדרוקט די דרשות וואס ער האט משמיע געווען אין יענע יארן ווען אלעס איז נאך געווען במתי מעט, ווען אלעס האט נאך אויסגעזעהן ווי עס קען נישט האבן קיין קיום, ווען אלעס האט אויסגעזעהן א דמיון, האט דער רבי קלאר געזאגט אז דער אייניציגסטער יסוד אז מ'זאל זיך קאנען דערהאלטן על אדמת אמעריקע איז נאר אויב זאל מען איבערפלאנצן דער אלטער היים על אדמת אמעריקע.

**"גר הייתי בארץ נכריה! מיר וואוינען טאקע אין אמעריקע, אבער מיר זענען נישט קיין אמעריקאנער!" האט דער רבי אויסגעשריגן. מדינת אמעריקע בלייבט פאר אונז א פרעמדע מדינה וואס מיר וועלן מיט איר קיינמאל נישט ווערן איינס.**

דער רבי האט געשטעלט זיין ציבור פאר א פאקט, טאקע אין די טריפה'נע אמעריקע, די קאלטע לאנד, ארץ אוכלת יושביה, גייען מיר אויפן אלטן וועג, סיי מיטן פנימיות, סיי מיטן חיצוניות.

## די יסודות פון א סאטמארער חסיד

כאטש דער רבי האט נישט פארלאנגט פון זיין ציבור צופיל זאכן אינעם געביט פון חיצוניות, ער האט נישט געהאט קיין שום אייגנארטיגן לבוש, קיין יוניפארם, און רוב זאכן וואס זענען יסודות ביים גרעסטן טייל פון די חסיד'ישע קרייזן האט ער בכלל נישט געמאכט קיין עסק. האט ער אבער יא געבעטן און פארלאנגט דעם ויגבה לבו בדרכי ה', דאס אנטון שטריימלעך שבת און אזוי גיין אויפן גאס, דאס גיין מיט א פולע בארד - וואס איז זייער שווער געווען אין די בראשית יארן - און דאס אויסערליך גיין מיטן חסידישן לבוש.

אבער ביים רבי'ן איז פול וויכטיגער געווען דאס פנימיות, דאס אהער שטעלן א איד אז ער זאל זיין אן אמת'ער איד, געבויעט אויף די יסודות פון די ריינע אמונה, גלייבן אין י"ג עקרים, גלייבן אין השגחת הבורא, גלייבן אין אלע דברי צדיקים רבותינו הראשונים כמלאכים. בויען די הייזער אויף די יסודות וואס צדיקים האבן געלערנט מיט א גענצליכע התבדלות פון די אמעריקאנער גאס מיט אלע דריי יסודות פון שם, לשון, מלבוש.

פיל וויכטיגער ווי דאס אנטון א שטריימל איז אים געווען אז די נשים זאלן גיין אנגעטון מיט צניעות, וואס פאר דעם האט ער מקדיש געווען די סאמע הייליגסטע מאמענטן אין יאר ווען ער האט מרעיש עולמות געווען אין די ענינים. ער האט געלערנט זיין ציבור צו ארבעטן און זיך שלאגן מיטן אייגענעם יצר הרע, מיטן יצרא דעריות, ווען מיט געוואלדיגע בכיות פלעגט ער מעורר זיין דעם ציבור אויף עניני קדושה.

**און די טאקע די סוגיא פון 'קדושים תהיו' איז דאך סאטמאר געווען אזוי אנדערש פון די 'אידישע' אמעריקאנער גאס. דער גאנצער אופן ווי אזוי מ'האט מייסד געווען אידישע שטובער, דער אופן פון שידוכים, דער אופן פון הנהגת בית ישראל, די אופנים ווי אזוי מ'האט מחנך געווען אידישע קינדער צו קדושה און צו צניעות, א מהלך וואס איז זייער ווייט פון די אלגעמיינע אמעריקאנער גאס.**

דער רבי האט געלערנט דעם ציבור אמונה טהורה, וואס דאס האט באדייטעט א מלחמה כבידה מיט די רעיונות פון כפירה און מינות וואס האבן אנגעפולט די גאנצע גאס, ובפרט אין יענע בראשית יארן ווען דער רבי האט געבויעט אידישקייט אין אמעריקע, האט דאס מלכות המינות פון ארץ ישראל געשפריצט זייערע גיפטיגע פיילן און מטמא געווען אידישע מוחות אויף א שרעקליכן פארנעם.

דער רבי האט געבויעט א כלל ישראל מיט איין יסוד "צאי לך בעקבי הצאן ורעי את גדיותיך על משכנות הרועים", אלעס וואס אונזערע רבי'ס פון אמאל האבן אונז געלערנט איז הייליג קודש קדשים, און עס איז נישטא קיין תירוץ "אמעריקע שאני", היינטיגע צייטן קען מען נישט דאס וואס אמאל? מ'מוז זיך צושטעלן צו אמעריקע...

יעדע יסוד וואס אבותינו ורבותינו הק' האבן אונז געלערנט סיי מיטן חלק פון בויען דאס כלל ישראל, סיי מיטן חלק ווי אזוי לוחם צו זיין קעגן די מהרסי הדת און די משנאי ה' למיניהם, אלעס אלעס האט דער רבי ווידערהאלט, און בעיקר איז געווען דער יסוד נישט נאכלאזן פון גארנישט.

**און טאקע אויך די מלחמות! די אופנים ווי אזוי מען האט זיך געשלאגן האט א תורה שלימה. אנשטאט ארויסגיין פון די גדרים צו מחליש זיין דעם כח הרע האט מען אינעווייניג געבויעט גרויסע חומות.** אנשטאט צו גיין לוחם זיין פנים אל פנים מיטן שונא, האט מען אליין געארבעט אויף זיך, אליין אויפגעבויעט די יסודות, געשטעלט גדרים וסייגים, און געמאכט א גדר חזק לא לתת אל המשחית לבא אל בתינו, געני אויף

דעם אופן ווי אזוי אונזערע הייליגע רבי׳ס האבן אונז דאס געלערנט אין דער אלטער היים.

סאטמארע חסידים "ווער עס האט איבערגעטרעטן דעם שוועל אין ביהמ"ד, ווער עס האט געהערט די שלש סעודות תורות, ווער עס האט געהערט די דרשות", האבן כסדר געהערט איבער חזר׳ן די זעלבע יסודות, מיר זענען נישט געקומען מתקן זיין אמעריקע, מיר זענען נישטא ארויסצוגיין מתקן זיין די גאס, מיר זענען דא אויפצושטעלן אונזער קהילה אויף אירע שטארקע יסודות, ומינה לא נזיע, און זאל זיין וואס עס זאל נאר נישט זיין וועלן מיר זיך נישט רירן און נישט מפשר זיין אויף אונזערע יסודות אפי׳ א קוצו של יו"ד!

## "קירוב קרובים" איז אויטאמאטיש משפיע אויף "רחוקים"

סאטמארע חסידים האבן כסדר געהערט די רעיונות ביי די שלש סעודות תורה אז אפילו ווען מ׳וויל אויפטון פאר אידישקייט טאר דאס נישט זיין אויפן חשבון פון מפשר זיין אויף אונזערע יסודות.

טראצדעם וואס עס זענען געווען קרייזן וואס זיי האבן גענומען פאר זייער הויפט פריאריטעט דאס ענין פון ׳קירוב רחוקים׳, זיי זענען ארויס אויף די גאס, אויף די גרויסע וועלט, פרובירט אריינצודרינגען אין פרעמדע און אין ווייטע מקומות כדי צו קענען העלפן אפגעפרעמדעטע אידן צוריק צו קומען צום שורש.

**האט דאס אונזער הייליגער רבי נישט געטון. ער האט עוסק געווען אין ׳קירוב קרובים׳, ער איז געווען פארנומען אז דער היימישער עולם אנשי שלומינו זאלן זיין אמת׳ע אידן, פשרה׳לאזע אידן, אמונה אידן,** און ער האט געהאלטן אז אזא ציבור, אזא קהילה, וואס איז געבויעט אויף אזעלכע יסודות, די אור-אלטע יסודות אן קיין שום שינוי, דאס איז עולה על כולם, און דאס וועט נאכברענגען דער גרעסטער ׳קירוב רחוקים׳ וואס איז נאר שייך.

דער הייליגער רבי זי"ע האט זוכה געווען מיט זיין מהלך, דער מהלך פון בויען אידישקייט פון אינעווייניג, מיט דעם מהלך צו בויען זיין אייגענעם ציבור פעלזן פעסט, צו משפיע זיין אומדירעקט אויפן גאנצן יהדות החרדית מקצה העולם ועד סופו.

פון דעם סאטמארער ביהמ"ד אויף בעדפארד עוו. דארט איז געהערט געווארן דער דבר ה׳ ברמה, און פון דארט איז דאס אנגעקומען פון איין עק וועלט צו די צווייטע, און דאס האט משפיע געווען אויף אלעמען. אלעס איז אומדירעקט נשפע געווארן פונעם סאטמארער רב, נישט ווייניגער ווי די ׳מקרבי רחוקים׳ וואס זייערע מעטאדן איז צו צינדן מנורות אין מאנהעטן סענטער...

**א אפענער עדות פון הודאת בעל דין איז דער הספד מר וואס דער ליטווישער גאון, דער גרינדער פון די ׳דגל התורה׳ פארטיי, הרב שך ז"ל האט ביי זיין הספד אויפן רבי׳ן געיאמערט "ועל רבו שלמדו תורה, ווייל דאס וואס איך בין וואס איך בין איז נאר ווייל עס איז געווען א סאטמארער רב"...** אזוי האט דער פאנאוויזשער ראש ישיבה אויסגעזאגט דעם סוד, אז טראצדעם וואס ער איז זייער ווייט געווען פונעם רבי׳נס השקפה, אבער "דאס וואס איך בין וואס איך בין" איז נאר צוליב דעם אייגנארטיגן אופן פון קירוב פונעם רבי׳ן ז"ל.

**אינעם געביט פון ׳קירוב׳ האבן אונזערע רבי׳ס געזעהן א פראבלעם, דער פראבלעם פון ארויסגיין אויף די גאס, דאס זיך מתחבר זיין מיטן שוואכערן עלעמענט, אפילו מיטן ציהל יענעם מקרב זיין און ברענגען לחיי התורה והמצוות, דאס ברענגט בעכ"ח צו פשרות, דאס ברענגט אז מ׳זאל עטוואס מוזן נאכלאזן פון אונזערע יסודות, און דאס איז א שרעקליכע סכנה.**

## רוח הקודש הופיעה בבית מדרשו: די נאכווייען פון די אויפטוען וועלן ח"ו צוריק קומען צו אונז אין בית המדרש

טאקע אין די וואכן אין די הייליגע דברי תורה ביי שלש סעודות פר׳ בחוקותי תשי"ד האט דער רבי געטייטשט "בכל יום ויום הייתי מחשב ואומר לבית פלוני אני הולך למקום פלוני אני הולך", אז דוד המלך האט געוואלט אויפטון פאר אידישקייט, ער האט געוואלט מחזיר בתשובה זיין אידישע קינדער און ער האט זיך געוואלט ארויסלאזן אויף די גאסן צו טרעפן די אידן וואס מ׳דארף זיי העלפן תשובה טון און צוריק ברענגען צום שורש. אבער "ורגלי מוליכות אותי לבית המדרש" זיין החלטה איז געווען אז דאס מערסטע וועט ער אויפטון אז ער וועט זיצן ביי זיך אין ביהמ"ד צווישן זיינע אייגענע ד׳ אמות של הלכה, און דארט וועט ער ארבעטן אויף זיך, אויפן אייגענעם ציבור, און זיי אהערשטעלן ווי עס דארף צו זיין דאס וועט שוין אויפטון פון זיך אליין.

**האט דער רבי מוסיף געווען שרעקליכע ווערטער - ווערטער וואס קוקט אויס אז זיי זענען געזאגט געווארן טאקע בשנת תשי"ד אבער זיי האבן געצילט צו גענויע 58 יאר שפעטער בשנת תשע"ב:**

**"אבער אפשר איז מרומז אין דעם "ורגלי מוליכות אותי", דוד המלך האט זיך בארעכנט, אז ער וועט גיין אהין לבית פלוני וועט ער דאך אביסל אנדערש דארטן מוזן איינפירן וואו אין דעם בית המדרש וואו ער איז, און נאכדעם וועט ער דאס צוריק ברענגען צו זיך אין בית המדרש, וועט עס פארדארבן מער וויפיל עס וועט נוצן, אפילו עס וועט דארטן נוצן, וועט עס שוין דארט (בביהמ"ד של דהמע"ה) פארדארבן... איבערדעם בכל יום ויום אני מחשב לבית פלוני ולמקום פלוני, האט ער זיך אבער בארעכנט ניין, ורגלי מביאות אותי לבית המדרש, איך וועל עס נאכדעם צוריק ברענגען (די אלע פשרות) אין ביהמ"ד אריין פון דארט, איז דאס מער חסרון".**

עס כאפט א פחד, דער רבי האט געזעהן, ער האט מורא געהאט, און ער האט מתריע געווען, מ׳טאר נישט נאכלאזן פון גארנישט אפילו ווען מען וויל אויפטון. א קליינע הזנחה אין אונזערע יסודות, מ׳איז מחליט אז דער הארבער איסור פון לשונות העמים מיינט נישט יעצט! דער געבויטער חומת הבדלה פון אונז מיט די אמעריקאנער קרייזן מיינט נישט יעצט! דער

שטארקער גדר נישט צו נוצן די אלע כלים און ווידיאוס מיינט נישט יעצט! דאס איז קיינמאל נישט קיין 'הוראת שעה'! מ'מיינט אפשר אז דאס איז אן אויפטו לשעה, דערווייל איז דאס אבער א קלקול און א הירוס אויף לדורות.

אט דאס האט מען געלערנט בבית מדרשו של רבינו, דאס זענען געווען די יסודות פון סאטמארע חסידים, וואס אייגענטליך איז דאס נאר געווען איבערגע'חזר'ט די זעלבע יסודות וואס די פריערדיגע צדיקים דער חתם סופר, דער צאנזער רב, דער שינאווער רב, וכל קדושיהם עמהם וואס האבן געזאגט אז דאס נאכלאזן פון סיי וואס מיט א כוונה לתקן וועט לבסוף ברענגען לידי קלקול.

## "מיינע מענטשן"
## באלאנגען נישט דארט!

עס דארף קלאר ארויס געברענגט ווערן.

**אין אמעריקע וואוינען היינט פילע צענדליגער טויזענטער אידן יראים ושלמים, שומרי תורה ומצוות ומדקדקים בקלה כבחמורה. און טאקע דער יעצטיגער כינוס האט דאס איבער געצייגט קלאר ווי אזוי עס איז זיך צונויפגעקומען אזויפיל רבבות אידן מיט איין ציהל, וטהר לבנו לעבדך באמת, מיט איין ציהל זיך אויפצוהייבן נענטער צום רבש"ע, צו נתקרב ווערן צום אייבערשטן פאר מתן תורה, די אלע אידן זענען כולם אהובים כולם ברורים כולם גיבורים וכולם קדושים,** און ח"ו מ'זאל מזלזל זיין אין זייער חשיבות, און זייער וויכטיגער און ערליכער טייל אין כלל ישראל, און דאס זעלביגע טוען מיר שעצן און רעספעקטירן דעם טייל וואס זייערע רבנים און ראשי ישיבות האבן בייגעשטייערט צו זיין עקזיסטענץ און אידישקייט אינעם היינטיגן שווערן דור.

אבער מיר דארפן קענען אונזער 'אידענטיטעט', מיר דארפן וויסן ווי אזוי הייסן מיר, מיר זענען נקרא על שמו של אותו זקן, סאטמארע חסידים', דאס זאגט פאר אונז עפעס אנדערש.

**אונזער חיוב צו זיין עקסטער זאל ח"ו נישט אויסגעטייטשט ווערן ווי א זלזול אדער א נישט אנערקענונג אין דאס חשיבות פון די רבבות ערליכע אידן אין אמעריקע.**

לאמיר נעמען פאר א דוגמא "תורה ודעת".

עס ווייסן דאס אלע און עס איז קיין סוד פאר קיינעם אז די ישיבה "תורה ודעת" האט אויף איר קאנטע גרויסע קרעדיטן. אויב איז געווען עפעס אידישקייט אין אמעריקע אמאל, איז דאס צו פארדאנקען פאר 'תורה ודעת' און אירע מייסדים און ראשי ישיבה. כמעט יעדער ערליכער איד אין אמעריקע אין יענע יארן איז א תלמיד פון תורה ודעת, און קיינער צווייפלט נישט אין אירע זכותים.

דער סאטמארער רבי ז"ל אליין האט שטארק מעריץ געווען די ישיבה "תורה ודעת" און ער האט מכיר טובה געווען פאר אירע ערליכע ראשי ישיבה, געבנדיג פאר זיי די פולסטע אנערקענונג פאר זייערע הערואישע פעולות. דער רבי איז אהינגעגאנגען זאגן שיעורים און דרשות, און בלי שום ספק אז ער האט זיי מחשיב געווען פאר דעם וואס זיי האבן בפועל אויפגעטון.

מאידך גיסא איז באקאנט א מעשה אמאל ווען דער רבי איז געזעסן בביתו נאוה קודש מיט א צאל נאנטע מקורבים, און רעדנדיג פון פארשידענע ענינים העומדים על הפרק האט זיך דער רבי מתמרמר געווען אז ער האט נישט געהעריג מיט וועמען צו גיין צום טיש, און אפילו זיינע אייגענע נאנטע מענטשן זענען אויך נישט אזוי ווי ער האט געוואלט.

האט זיך דארט אנגערופן הרה"ח ר' אברהם וואלף טירנויער ע"ה "וואס הייסט? דער רבי האט א גרויסן ציבור הסרים למשמעתו, און טוען אלעס וואס דער רבי וויל, און פאלגן אלעס וואס דער רבי הייסט, זיי זענען כל כולו דעם רבי'נס מענטשן" האט ער זיך אויסגעדרוקט.

אזוי תוך כדי דיבור האט ר' אברהם וואלף זיך אוועק געזעצט און ער האט זיך גענומען צו מאכן א רשימה פון די חשובי אנ"ש, די מתפללים אין ביהמ"ד וואס פלעגן קומען צו די טישן און זיך ווייקן ביים רבי'ן, און ער האט ביז עטליכע מינוט געהאט גרייט א גאנצע מגילה... און ער גיט דאס איבער פארן רבי'ן "דאס אלעס זענען דעם רבי'נס מענטשן"...

דער רבי נעמט די רשימה און באלד הייבט ער אן צו מעקן... ער שטרייכט אויס נעמען איינס נאכן צווייטן. ר' אברהם וואלף האט דערציילט: "פון אנהויב האב איך נאך געקענט פארשטיין, עס זענען געווען אידן וואס כאטש זיי זענען געווען דעם רבי'נס חסידים זענען אבער זייערע שטובער נישט געווען ווי דער רבי האט געוואלט, טייל בעניני צניעות, אנדערע בעניני חינוך, אבער ווען דער רבי האט אויסגעשטראכן א נאמען פון איינעם פון די גאר חשוב'ע חסידים, א ווארימער היימישער אינגערמאן, האב איך זיך נישט געקענט איינהאלטן און איך האב געפרעגט דעם רבי'ן "וואס איז שלעכט מיט דעם אינגערמאן?".

**"ער דאווענט אין תורה ודעת, אז ער דאווענט דארט איז ער נישט מיינער"...**

און לאמיר וויסן דעם אמת, דער איד האט געדאווענט אין "תורה ודעת" ווייל דארט איז געווען א מנין פרי, און בכלל נישט ווייל ער האט געזוכט יענע סביבה, און דער געדאנק פון 'תורה ודעת' פאר די יענע אידן איז ביים רבי'ן זיכער געווען זייער חשוב, אבער... אז ער דאווענט אין "תורה ודעת" קען ער שוין נישט זיין מיינער...

**זייער א טיפער און דקות'דיגער דערהער. א סאטמארער חסיד מיינט "ורגלי מוליכות אותי לבית המדרש", און דער ביהמ"ד קען נאר מיינען אונזער אייגענער סאטמארער ביהמ"ד, און אויף קיין פאל קען מען אפילו בדוחק נישט טייטשן אז דאס זאל מיינען א סטאדיום אין קווינס מיט נאך צענדליגער טויזענטער אידן, וואס דער איבערוויגענדער מערהייט דערפון איז אין בעסטן פאל 'תורה ודעת אידן'...**

דער סאטמארער רבי זי"ע איז נישט געקומען קיין אמעריקע זיך לוחם זיין מיט אמעריקע, נאר איבערצופלאנצן די אמאליגע 'סאטמאר' על אדמת אמעריקע. אין די צייט וואס חב"ד האט געוואלט כשר'ן אמעריקע, און די גאנצע טריפה'נע טעכנאלאגיע איז איינגעשפאנט געווארן מיט 'טומאה' משפיע זיין 'קדושה', די ראדיא און טעלעוויזיע זענען באנוצט געווארן צו

לערנען 'תניא', האט אונזער הייליגער רבי געשריגן אז לא זו הדרך, אידישקייט בויעט מען מיט מסורה, מיט מסירות נפש.

**מיר האבן תכסיסי מלחמה, יא, די אמאליגע תכסיסים וואס מען האט אונז געלערנט אינדערהיים, מיר האבן נישט די תכסיסים ווי אזוי זיך צו שלאגן מיט אמעריקע. מיר קענען שטעלן גדרים וסייגים, אבער נאר אין די גבולים וואס קאסט נישט קיין פרייז אויף די צווייטע זייט.**

## מיטן גיין אויף אונזער וועג האבן מיר ב"ה מצליח געווען!

סאטמארע חסידים וואס זענען אויפגעוואקסן אין דעם בית המדרש, און זיי האבן געהערט די הייליגע תורות האבן באלד פארשטאנען, יא יא, אמת, דאס כלל ישראל איז הייליג, דער כינוס כלל ישראל איז קודש, דער ציהל איז גאר הייליג, אבער אונזער פלאץ איז נישט דארט. ורגלי מוליכות אותי לבית המדרש! מיר באלאנגען נאר אינעם סאטמארער ביהמ"ד, נאר דארט צווישן אונז אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו, דארט ווי מ'רעדט אונזער שפראך, תרתי משמע, מ'רעדט אויף דעם אופן וואס מ'האט אונז געלערנט, מ'איז מתקן תקנות לפי מהלכינו והשקפותינו, און דער חלק הקירוב און דער אויפטו פאר כלל ישראל וועט שוין נאכקומען.

סאטמארע חסידים זענען לוחם מיט די טעכנעלאגיע-מגיפה מער ווי יעדן. תלי"ת מען האט שוין בעבר אן קיין גרויסע איבערקערענישן זוכה געווען צו מתקן זיין תקנות גדולות אין די ענינים, וואס דער סך הכל פון אלע אסיפות זעהט אויס וועט זיין דער פסק הלכה פונעם פוסק הדור מרן הגאון בעל שבט הלוי שליט"א וועלכער האט געזאגט דעם פסק דין, גענוי אזוי ווי די תקנות וואס דער סאטמארער רבי שליט"א האט איינגעפירט אין זיינע מוסדות אין די לעצטע יארן – וואס דער פוסק הדור שליט"א האט שוין במפורש געזאגט פערזענליך פארן רבי'ן שליט"א ביי זייער באגעגעניש בחודש שבט העעל"ט - און דאס אלעס איז געקומען אנעם מבטל זיין דעם הארבן איסור פון רבותינו הק' תלמידי החתם סופר זי"ע וואס האבן געמאכט דעם איסור אויף לשונות עכו"ם אויף לדורות. אנעם צוברעכן די חומת התבדלות צווישן "סאטמאר" און "אמעריקע", אנעם מתיר זיין די ווידיעא כלים און מאכן פאר א לכתחילה. וואס אויף א אומפארשטענדליכן אופן האט מען דעם 'הוראת שעה' אויך מתיר געווען פאר חסידי סאטמאר אין ענגלאנד, וואס האבן געוואלט מיטהאלטן דעם מעמד 'לייוו'.

**עס איז א מציאות אז אפילו לעיקוואדער בני תורה וואס האבן זיך מתחילה זייער געוואונדערט הערנדיג אז 'סאטמאר' קען נישט גיין צוזאמען מיט זיי, זיי האבן נישט פארשטאנען וואס קען זיין א פראבלעם ביי אזא הייליגן כינוס, אבער נאכן כינוס האבן זיי זיך אויסגעדרוקט מיט פארשטענדעניש "אמת, דער כינוס איז נישט צוגעפאסט געווען פאר סאטמאר, דאס איז נישט געווען צוגעשטעלט לויט זייער אופן".**

יעצט שטייט פאר א ערענסטע אחריות אכטונג צו געבן אז די הוראת שעה זאל בלייבן אן הוראת שעה! דאס וואס רביה"ק זי"ע האט אזוי מורא געהאט פונעם "ורגלי מוליכות אותי לבית המדרש" אז די אלע פירצות וועלן נאכדעם ארייןקומען אין ביהמ"ד, מיט די צייט וועט מען דאס מתיר זיין פאר נאך אנדערע הוראת שעה מיט אן היקש און גזירה שוה ודימוי מילתא למילתא, דאס דארפן מיר זעהן אז דאס זאל נישט ווייטער קענען פאסירן.

## גיין קעגן דעם שטראם אליין מיט שטאלץ!

אבער 'יעדער' גייט!

למען האמת יאמר.

עס איז נישט אזוי לייכט אנגעקומען פאר אלפי חסידי סאטמאר צו זיין אפוועזנד פונעם כינוס. זייער נישט לייכט.

מען האט זיך גערדייט אין וויליאמסבורג, בארא פארק, מאנסי, אין די פאפולערע בתי מדרשים איז געווען לאנגזאם צו טרעפן א מנין מנחה מעריב, "יעדער" איז געגאנגען, "כלל ישראל" איז געגאנגען, און עס איז שווער געווען די הרגשה אין הארץ אז "איך בין אן אויסנאם, איך האב עפעס אידיאלאגישע פראבלעמען וואס האלט מיך צוריק און מאכט מיך אז איך זאל מוזן זיין אנדערש פון אלעמען".

**עס איז שווער צו ציעהן פאראלעל פון אנדערע געשעהענישן ווען עס איז אין הנידון דומה לראי', און עס איז נישט ממש קיין גזירה שוה. אבער לגבי דעם געפיל פון 'יעדער טוט אזוי און איך בין אנדערש' דאס דארף אונז גראדע זיין געשמאק און היימליך.**

ווייל לאמיר אריינטראכטן: ווי אזוי האט געדארפט שפירן א ישיבה בחור אינדערהיים אין סאטמאר אונגארן; צי א בחור פון א באבוב'ער קלויז אין גאליציען; צי א כניאקישער בעלזער יושב פון האלשיץ צי היבנוב; - צי א מונקאטשער חסיד - וואס די שורות ווערן געשריבן בעצם יומא דהילולא פון דעם גרויסן לוחם מלחמת ה' הגה"ק בעל מנחת אלעזר זי"ע - ווען ער האט געהערט פון די כנסי' הגדולה פון אגודת ישראל אין וויען, מאריענבאד, ווי ;'אלע גדולי ישראל' זענען געווען באטייליגט, דער גערער רבי פון פוילין, דער אלכסנדר רבי, דער חפץ חיים פון די ליטא, דער בריסקער רב, הג"ר חיים עוזר, עס זענען געקומען צו פארן דעלעגאציעס פון איבעראל, דייטשלאנד, רוסלאנד, פוילן, אונגארן, אפילו פון די 'העדה החרדית' פון ירושלים – וואס זענען נאך דעמאלטס נאכנישט געווען געטיילט פון אגודת ישראל - און "יעדער" גייט צו די כנסי' הגדולה, אלע גרויסע חסידות און קרייזן זענען דארט פארטרעטן אויסער די געציילטע מתי מספר, ווי אזוי האבן זיי זיך דעמאלטס געשפירט?!

## אן הרגשה פון א סאטמארן חסיד נאכן 'לדעתי' חודש סיון תשכ"ז

ועתה ישראל מ"ה ה' אלקיך שואל מעמך.

שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך פון היינט געניע 45 יאר צוריק, אין די טעג פון די מלחמת ששת ימי אפילה, ווען די ציונים האבן איינגענומען דעם 'כותל המערבי', אה, די געגועין וכיסופין פון אידישע קינדער צום שריד בית מקדשינו איז אומבאשרייבליך, די געוואלדיגע הרגשים וואס אידן האבן

דעמאלטס געהאט איז נישט מעגליך אראפצוגעבן, אין די מינוט וואס מ'האט נאר געקענט גיין צום 'כותל' האט מען זיך גענומען צו לויפן, אה, די געפילן זענען געווען געוואלדיג, די שטיינער פונעם כותל זענען באגאסן געווארן מיט טייכן אידישע טרערן וואס האבן ניינצן יאר געבענקט נאך די הייליגע שטיינער, וואס קען זיך דען דאס פארשטעלן.

**און פלוצלונג הוראה יוצאת מבית קדשי קדשים: "לדעתי! לדעתי! טאר מען נישט גיין צום כותל ביז משיח וועט קומען!".**

נישט יעדער האט פארשטאנען דעם טעם הדבר, נישט יעדער האט געקענט אין יענע צייט טראכטן גלייך און קענען אננעמען מיט שכל און מיט הבנה ישרה פארוואס דער רבי לאזט נישט גיין צום כותל. אבער סאטמארע חסידים האבן גובר געווען אלע הרגשים און זיי זענען נישט געגאנגען צום כותל מאז עד היום הזה.

**א שאלה צי זיי זענען געווען דאס געלעכטער פון די גאס?! א שאלה צי די דרויסענדיגע גאס האט זיי אנגעקוקט ווי גאר מאדנע און זייער אומפארשטענדליך?! זיכער אז יא! אבער א סאטמארער חסיד, "מיינס א מענטש" האט געוואוסט אז "יעדער" איז גארנישט מחייב, מ'ווערט נישט נתפעל פון דעם וואס "יעדער" טוט, נאר מ'ווייסט וואו מ'שטייט אין און מ'בלייבט שטיין פעלזן פעסט קעגן דעם שטראם פון די גאס.**

דער רבי האט דעם עולם געלערנט בבית מדרשו אז מ'דארף קענען שטיין קעגן א שטראם און נישט נתפעל ווערן. אין די הייליגע שלש סעודות תורה ואתחנן תשי"ט האט דער רבי געטייטשט "חכם לב יקח מצות זה משה שכל ישראל נתעסקו בביזה ומשה נתעסק בעצמות יוסף", ווייל משה רבינו האט פארשטאנען אז אויב "כל ישראל נתעסקו בביזה" דאס איז א 'כלל ישראל' מצוה, דעמאלטס מיינט עס נישט מיך, דעמאלטס האט דאס נישט מיט אונז, און ער דארף זיך זוכן א צווייטע מצוה מיט וואס עוסק צו זיין, ווייל א מצוה וואס "יעדער" טוט איז נישט אונזערס אן עסק.

דאס איז דער חינוך בבית מדרשו של רבינו.

## דער רבי האט גערופן צו אונז, אבער נישט געשיקט צו זיי

דער גאנצער יסוד פון אידישקייט אין אמעריקע איז געבוירן געווארן אין די בחינה פון 'ויגבה לבו בדרכי ה', מ'איז געווען אנדערש ווי יעדער, נאר א סאטמארער אינגל איז געגאנגען מיט לאנגע פיאות אויף די גאס, נאר א סאטמארער חסיד איז געגאנגען מיטן שטריימל אויפן גאס, נאר א סאטמארער חסיד איז געגאנגען מיט די פולע בארד ארבעטן אין מאנהעטן, און יא, די גאס האט געלאכט און געשפעט, אבער דאס איז געווען אונזער שטאלץ "מיר זענען אנדערש פון יעדן".

**און דאס איז געווען א שטארקער פרינציפ בבית מדרשו של רבי מ'שטעלט זיך נישט צוזאמען מיט אנדערע אידן אפילו אויף אויפצוטון פאר אידישקייט, ווייל א התחברות מיט זיי דאס וועט ברענגען א ירידה פאר אונז.**

במשך די יארן וואס דער רבי האט געארבעט און אויפגעבויעט אידישקייט אין אמעריקע האט ער כסדר פאררופן אסיפות לחיזוק הדת, און יעדע אסיפה וואס ער האט אראנזשירט איז צוגעגאנגען מיטן גרעסטן כובד ראש, יעדע ריר האט ער אליין אויסגעארבעט און אויסגעקנעטן, יעדע דרשה, יעדער בעל דרשן, וואס צו זאגן און ווי אזוי צו זאגן, און אלעמאל האט ער גע'שתדל'ט און געוואלט אז יענער זאל אויך קומען צו אונז. ער האט געארבעט ביי די מנהגים פון די ליטווישע וועלט, ער האט געארבעט ביי די אנדערע קרייזן, ווייל ער האט געוואלט אז אויך אינדערויסן זאל מען הערן א קול מחאה קעגן ציונית נישט נאר מצד סאטמאר נאר אויך מצד דאס יהדות החרדית בכלליות.

**אבער קיינמאל האט דער רבי נישט געשיקט זיין עולם צו זיי.**

נישט וויניג אסיפות און קאנוועשאנס האבן יענע קרייזן פאררופן, אסאך שיינע און חשוב'ע פעולות האבן זיי געטון לחיזוק הדת, וואס יעדע פעולה איז זיכער שטארק באגריסנווערד, אבער סאטמאר האט זיך דארט קיינמאל נישט באטייליגט. עס איז געווען א 'וואן וועי' דיל.

פארוואס? ווייל דער רבי האט מורא געהאט פונעם 'ורגלי מוליכות אותי לבית המדרש' ער האט זייער מורא געהאט פון די השקפות, און די פשרות וואס מ'וועט מוזן מאכן בשעת מ'שטעלט זיך צוזאמען מיט יענעם, ער האט זייער מורא געהאט אז דאס וועט ברעכן די חומה צווישן אונז מיט אמעריקע, און ער האט דאס נישט געוואלט איינשטעלן בשום אופן, אפילו פאר פרייז פון אויפטון ברוב עם.

## מ'איז נישט מוותר קיין קלייניגקייט אפילו אויפן חשבון פון א גרויסן ריוח

דער רבי האט זיך מונע געווען אונטערצושרייבן אויף קול קורא'ס וואו עס זענען געווען חתימות פון אזעלכע 'גדולים' וואס זייער השקפה איז געווען פסול. עס איז געווען בשנת תשכ"ה ווען דער רבי איז געווען אין ארץ ישראל, דער ביאלער רבי זצ"ל האט געהאט געבעטן דעם רבי'ן חתמ'ענען אויף א קול קורא פאר א גאר הייליג ענין, און דער רבי האט שארף אפגעזאגט 'נאר' צוליב דעם וואס דארט זענען געווען חותמים אויף די בחירות הטמאות, און כאטש יענס ענין איז נאך לכל הדיעות געווען א 'עת לעשות לה' הפרו תורתיך' ווי היינט.

דער רבי האט נישט געוואלט חתמ'ענען אויף די קול קורא פון די 'בריכה', א ענין וואס איז נוגע געווען יסוד קדושתן של ישראל אין פלטרין של מלך. פארוואס?! ווייל דאס איז ביי אים נישט געווען חשוב?! קדושת ישראל וקדושת ירושלים האט ביי אים נישט פארנומען אזא וויכטיג ארט?! אוודאי יא! ווער נאך ווי ער האט אזויפיל בלוט און טרערן אוועק געגעבן פאר די מערכה. נאר אויב האט די קול קורא אויך געהאט די חתימה פון הג"ר צבי פסח פראנק – וואס כשלעצמו איז ער געווען א גדול בתורה וביראה – אבער דאס וואלט געקענט ווערן אויסגעטייטשט ווי א עטוואסע הסכמה און הכרה פארן ציוני'סטישן ראבינאט איז דאס נישט כדאי.

כך למדנו בבית מדרשו של רבינו.

**במשך די אלע יארן וואס סאטמאר עקזיסטירט על אדמת אמעריקע לעבט זי זיך אין א בחינה פון ׳הן עם לבדד ישכון׳, דער רבי ז״ל האט אראפגעשטעלט א ריי מיט יסודות וואס האט אונז אפגעזונדערט, אפילו לאו דוקא ווי ענינים וואס זענען געווען מופרך אינדערהיים, ווי דער לימוד ׳דף היומי׳, נאר אפילו סתם ׳כלל ישראל ענינים׳ וואס מ׳זעהט נישט וואס עס קען זיין שלעכט דערמיט, גאנץ שיינע אויפטוען וואס ״יעדער״ טוט, און עס זענען נישטא קיין שטארקע סיבות נישט צו זיין קיין טייל דערין, אבער ״מיר זענען סאטמאר, מיר זענען אפגעזונדערט, און מיט א שטאלץ״.**

וויפיל גדרים איז דא אין ׳בית רחל׳ אין די צייט וואס כסדר איז דא סעמינארן פאר מיידלעך פון מערערע מוסדות החינוך, און סאטמאר קען נישט אנטייל נעמען.

אפילו ווען פארגאנגענעם יאר האט ׳איגוד הקהילות׳ פאררופן א גרויסע סעמינאר פון מיידלעך פון איבעראל איבער דאס ענין פון חתונה תקנות. און דייקא ׳סאטמאר׳, די וואס זענען געווען די ערשטע וואס האבן געמאכט די תקנות, און דארט ווערט ארייגעלייגט די מאקסימום כוחות אין די אלע ענינים, האט מען אבער נישט געקענט גיין אינאיינעם.

**פארוואס? ווייל דאס איז סאטמאר!**

אויב קומען זיך צוזאמען מידי שנה בשנה טויזענטער ילדי תשב״ר אין באבוב׳ער ביהמ״ד אין בארא פארק אין עשרת ימי תשובה, און מ׳איז מעורר רחמי שמים צוזאמען מיט די גדולי הרבנים, וואס איז בלי ספק א שטארקער התעוררות רחמי שמים אין הימל. אבער אויף די הוראה מפורשת פון כ״ק מרן הברך משה זי״ע איז זיך סאטמאר נישט משתתף.

**פארוואס? ווייל דאס איז סאטמאר!**

אויב איז געגרינדעט געווארן דער מפעל ״אבות ובנים העולמי״, וואס איז בלי ספק א געוואלדיגער אויפטו וואס איז איבעראל נאכגעמאכט געווארן. נאר סאטמאר האט אזוי שווערליך צוגעטרעטן דערצו, קונה געווען בשינוי השם ״ושננתם לבניך״ געדארפט פאבריצירן אייגענע מתנות און מוותר זיין אויף די געשאנקען וואס דער מפעל שטעלט צו.

**פארוואס? ווייל דאס איז סאטמאר!**

אויב איז געגרינדעט געווארן דער חשוב׳ער מפעל ״ארגון שיעורי תורה״, וואס איז בלי ספק א געוואלדיגער אויפטו להרבות תורה בישראל, אבער ווען זיי האבן געוואלט מאכן זייער סטאנציע אינעם סאטמארער ביהמ״ד אויף ראדני סט. האט מרן הגה״ק בעל ברך משה זי״ע נישט מסכים געווען, אז אנדערע זאלן מסדר זיין שיעורים און מגידי שיעור אין אונזער ביהמ״ד. און זיי האבן דאן געמאכט זייער סטאנציע אין ביהמ״ד דקהל פאפא.

**פארוואס? ווייל דאס איז סאטמאר!**

וכהנה איז דא דוגמאות לרוב.

סאטמארע חסידים וואס האבן איבערגעטרעטן דעם שוועל בבית מדרשו של רבינו... די וואס האבן געהערט די שובבי״ם תורות... די וואס האבן געהערט די דרשות... זענען מיט שטאלץ נישט געגאנגען צום הייליגן כינוס, וואוסנדיג, דער כינוס איז זייער חשוב און זייער הייליג פאר אמעריקאנער אידן... פאר די אלע אידן וואס זייערע רבי׳ס און זייערע ראשי ישיבות שפירן אז זיי נוצן די מעטאדן לוחם צו זיין, און דאס שטימט מיט זייערע עקרונות, און איז נישט קיין פראבלעם מיט זייער מסורה.

## סאטמארע חסידים רופן אויס מיט צופרידנהייט:

תלי״ת ביי אונז זענען די תקנות בנוגע טעכנאלאגיע קאי וקיים! דער פסק הלכה פונעם פוסק הדור וואס מען האט משמיע געווען ביים כינוס איז שוין לאנג איינגעפירט געווארן ! מיר זענען לוחם קעגן אלע כלים בעבר בהוה ובעתיד, אפילו אנדעם וואס מיר זאלן דארפן פורץ זיין דעם הארבן איסור פון אונזערע הייליגע רבי׳ס, אנדעם וואס מיר זאלן דארפן אראפנעמען דעם חומת הבדלה צווישן אונז און אמעריקע, אנדעם וואס מלחמה קעגן ציונית זאל פארטייטשט ווערן אלס נסיון פון עטליכע דורות צוריק, אנדעם וואס מ׳זאל איינפירן ׳סימפאטי קלאטשן׳ אינמיטן דרשות התעוררות, נאר מיר וועלן ווייטער ארבעטן און אויסרייסן די טריפה׳נע כלים אויף די ארגינעלע אויסגעטרעטענע וועגן וואס מיר האבן מקבל געווען מאבותינו ורבותינו הקדושים, לויט די הדרכות און הוראות פון כ״ק מרן רבינו שליט״א עד ביאת ינון במהרה.

לאמיר צוגיין צו קבלת התורה מיט געהויבענע געמיטער, מיט א געפיל אין הארץ אז זאת התורה לא תהא מוחלפת, און מיר וועלן בע״ה ווייטער ממשיך זיין דעם דרך התורה אשר לנו מסורה אן קיין שום שינוי פון דעם וואס אונזערע רבי׳ס האבן אונז געלערנט.

# ובאו כולם בברית יחד
# נעשה ונשמע אמרו כאחד